ט. מען האָט שוין גערעדט, אַז פון יעדער זאַך דאַרף מען אַרויסנעמען אַ הוראה אין עבודה; די הוראה פון דעם אויבנגעזאָגטן:

שטופּן זיך מעצמו אין „ענגע ער־טער" דאַרף מען ניט. מען קען טאַקע אַ סך אויפטאָן, אָבער „כל הדרכים בחזקת סכנה", איז וואָס דאַרף מען אַליין קריכן אין סכנה? פאַרוואָס זאָל ער זיין דאָרט — ניט צווישן חסידים און זיין אַ משפיע, עס איז דאָך גליי־כער צו זיין צווישן חסידים און זיין אַ מקבל; אַי דער גודל העלי' וואָס עס וועט זיין דורך אַט־דער ירידה? — דאָס קען מען דאָך ניט וויסן אויף זיכער, וואָרום „כל הדרכים בחזקת סכנה" אָבער די ירידה איז אַ זיכערע זאַך. בשעת מען זעט אָבער, אַז דאָס איז „על פי הדיבור", וואָרום מען הייסט און מען שיקט עם, אָדער ער זעט ווי די השגחה פרטית האָט אים געפירט און געבראַכט אין דעם אָרט, האָבן דאָן קיין אָרט ניט קיינע טענות ואדרבא: עס איז דאָך ע"פ הדיבור. — ער דאַרף וויסן, אַז בשעת ער גייט אַהין „על פי הדיבור", ער מצד עצמו איז אַן אנוס נאָר ער גייט ווייל דער אויבערשטער שיקט אים אַהין, דאַרף ער עס טאָן בשמחה, און דאָן איז ער זיכער אַז „אעלך גם עלה" און נאָך מער — וועד — „אנכי", און דער סוף וועט זיין אַז ער וועט אַרויסגיין — ברוחניות און אויך בגשמיות — „ברכוש גדול".

(משיחת ליל ב' דחג הפסח, תשי"ד)

# פרק חמישי

א. אין אָנהויב פון פינפטן פרק אין אבות רעכנט אויס דער תנא פאַרשידענע ענינים וועלכע זיינען אויסגעשטעלט אין מספר פון עשרה, און ער רעכנט זיי אויס לויטן סדר הדורות: ער הויבט אָן מיט „בעשרה מאמרות נברא העולם"; דער לעצטער פון די עשרה מאמרות [1]) — איז בנוגע אדם הראשון — קומט גלייך נאָך דעם „עשרה דורות מאדם ועד נח"; און דאַן „עשרה דורות מנח ועד אברהם"; דערנאָך — „עשרה נסיונות נתנסה אברהם אבינו"; און ווייל איינער פון זיינע נסיונות איז געווען דער „ברית בין הבתרים" ווען דער אויבערשטער האָט אים מודיע געווען וועגן דעם גלות מצרים, איז ער באַלד נאָך דעם ממשיך — „עשרה נסים נעשו לאבו־תינו במצרים ועשרה על הים עשר מכות הביא הקב"ה על המצרים במצ־רים ועשר על הים"; פון מצרים זיינען דאָך די אידן געגאַנגען אין מדבר, רעכנט ער באַלד דערנאָך „עש־רה נסיונות ניסו אבותינו את הקב"ה במדבר"; פון מדבר זיינען די אידן אַריין אין ארץ ישראל, וואָס דער תכלית פון ארץ ישראל איז דאָך דער בית המקדש, קומט נאָך דעם — „עש־רה ניסים נעשו לאבותינו בבית המק־דש" — און ערשט נאָכן אויסרעכענען די אַלע זאַכן, פון „עשרה", ביז דער צייט פון בית המקדש זאָגט דער תנא:

1) השיטות במנין י' מאמרות — הובאו בתורה שלמה בראשית א אות מ. ולהעיר מס' הבהיר אות קמא ואילך.

„עשרה דברים נבראו בערב שבת בין השמשות". איז דאָך לגמרי ניט מובן: פאַרוואָס האָט דער תנא אַוועק־געשטעלט „עשרה דברים נבראו בערב שבת בין השמשות" צום סוף און ער האָט דאָס ניט געשטעלט לויטן סדר, באַלד נאָך די עשרה מאמרות? [2])

אויך איז ניט פאַרשטאַנדיק, פאַרוואָס ער רעכנט די „עשרה ניסים" פאַר די „עשר מכות". די עשרה ניסים זיינען באַשטאַנען — ווי די מפרשים טייטשן [3]) — אין דעם „והפלה גו' בין מצרים ובין ישראל", אַז די מכות האָבן געשאַדט בלויז צו די מצריים און ניט צו אידן. זיינען דאָך די ניסים געוועזן שייך נאָר דאַן ווען עס זיינען שוין געוועזן די מכות, איז פאַרוואָס רעכנט ער די עשרה ניסים פאַר די עשר מכות?

נאָך מער איז ניט פאַרשטאַנדיק, פאַרוואָס ער רעכנט אויך די ניסים וועלכע זיינען געטאָן געוואָרן צו אידן אויפן ים פאַר די עשר מכות וועלכע זיינען געוועזן אין מצרים, די עשרה ניסים וואָס זיינען געוועזן אויפן ים זיינען דאָך געוויס געקומען נאָך די עשר מכות שבמצרים, האָט ער דאָך פריער געדאַרפט רעכענען די עשר מכות שבמצרים און ערשט שפּעטער די עשרה ניסים שעל הים?

מען קען ניט זאָגן, אַז דער תנא האָט אַוועקגעשטעלט אין אַזאַ סדר, בכדי צו איינשפּאָרן עטלעכע ווערטער, ווייל ערשטנס וואָלט ער סיזוי געקענט איינשפּאָרן עטלעכע ווערטער דורך זאָגן „עשרה ניסים נעשו לאבותינו ועשר מכות למצרים במצרים ועשרה ניסים ומכות על הים", צווייטנס, צוליב איינשפּאָרן עטלעכע ווערטער וואָלט ער ניט משנה געווען דעם סדר הדורות.

**ב. בכדי עס זאָל קענען זיין דער** „והפלה גו' בין מצרים ובין ישראל", אַז אין דער זעלבער צייט וואָס פאַר די מצריים איז געווען די מכות, זאָלן זיי די אידן לגמרי ניט אָנרירן — כאָטש אַז אויך אידן זיינען דאַן געווען עובדי עבודה זרה [4]) — האָט געמוזט מאיר זיין אַן אור וואָס איז העכער פון השתלשלות: מצד סדר השתלשלות האָט ניט געקענט זיין גלייכצייטיק „נגוף למצרים ורפוא לישראל". און דאָס מיינט „עשרה ניסים נעשו לאבו־תינו" — נס מלשון הרמה [5]), אויפ־געהויבן, אַז דער אויבערשטער האָט דאַן אויפגעהויבן די אידן העכער פון השתלשלות, און די מכות האָבן זיי ניט געשאַדט [6]).

דערמיט וועט מען פאַרשטיין וואָס דער תנא איז מקדים די „עשרה ניסים" פאַר די עשר מכות: בכדי די עשר מכות זאָלן זיין אין דעם אופן ווי זיי האָבן געדאַרפט זיין, אַז זיי זאָלן זיין אַ הכנה צו יציאת מצרים (ניט נאָר אַז די מכות זאָלן ניט שאַטן די אידן, נאָר אַדרבה, זיי זאָלן ברעכן די קליפּת מצרים און דורך דעם ברעכן אויך דעם גלות און שעבוד פון מצ־רים), האָבן געמוזט קומען פריער די „ניסים"; די אויפהייבונג פון אידן

---

2) כן הקשה גם בדרך חיים — להמהר"ל — משנה ב'. מדרש שמואל שם.

3) רמב"ם, רבינו יונה, מדרש שמואל במקומו.

4) ילקוט ראובני שמות יד, כז. זח"ב קע, ב.

5) תו"א יתרו ע, סע"ד.

6) ראה לקו"ש ח"ג פ' בא ובהמצויין שם (ואף שבעיקר הי' זה במכת בכורות (כמבואר שם) — בכללות, כן הוא בנוגע לכל המכות).

למעלה מהשתלשלות, און דוקא נאָך די „ניסים" האָבן די מכות געקענט קומען באופן, אַז זיי זאָלן ברענגען צו יציאת מצרים.

ג. דער תכלית וגמר פון יציאת מצרים איז ערשט געווען ביי קריעת ים סוף [7]. כל־זמן עס איז נאָך ניט געווען דער נס פון קריעת ים סוף, האָט זיך נאָך ניט פאַרענדיקט די יציאה פון מצרים: סיי מצד די מצריים — וואָס אויך נאָך מכות בכורות און נאָך דעם ווי זיי האָבן די אידן אַרויס־געלאָזן פון מצרים, זיינען די מצרים נאָך אַלץ נאָכגעלאָפן די אידן בכדי צו מלחמה האַלטן מיט זיי, און ערשט ביי קריעת ים סוף איז נתבטל געוואָרן לגמרי קליפת מצרים און „אחד מהם לא נותר"; און סיי מצד די אידן — וואָס אפילו נאָך די עשרה ניסים און נאָך יציאת מצרים איז געווען אַ סברא ביי טייל אידן („שכולם קומה אחת שלימה") „לשוב למצרים" [8]) און ערשט ביי קריעת יום סוף, דורך די גילויים וואָס זיינען דאַן געווען, זיינען זיי נתעלה געוואָרן אין אַזאַ הויכע מדריגה וואו קליפת מצרים האָט לגמרי קיין אָרט ניט, און במילא איז זייער יציאה פון מצרים געווען אַ פולשטענדיקע.

און דאָס זיינען געווען די עשרה ני־סים און די עשר מכות ביי קריעת ים סוף, וועלכע האָבן פאַרענדיקט און משלים געווען די ניסים און מכות שבמצרים: דורך די עשרה ניסים של הים זיינען די אידן דערהויבן געוואָרן אין אַ מדריגה וואָס איז לגמרי העכער און גיט ניט קיין שום אָרט פאַר מצרים, און דורך די עשר מכות של הים איז קליפת מצרים בטל געוואָרן לגמרי.

ד. די התחלה פון יעדער עלי' — כאָטש מען האַלט נאָך ביי אַ נידעריקער מדריגה — דאַרף זי זיין אין אַזאַ אופן אַז זי זאָל צוברענגען צום תכלית העילוי; דער תכלית העילוי זאָל זיך געפינען בכח ובהעלם אין דער התחלה. דערפון איז פאַרשטאַנדיק, אַז אין דער התחלת העלי' דורך די **עשרה ניסים שבמצרים** איז געווען באַהאַלטן בכח, אַז סוף־כל־סוף וועלן די אידן נתעלה ווערן בתכלית העילוי דורך די עשרה ניסים שעל הים. און אַזוי איז עס אויך בנוגע דעם צעברעכן קליפת מצרים, אַז אין די עשר מכות שבמצ־רים איז געווען בהעלם אויך דער כוח, אַז סוף־כל־סוף וועט די קליפה צעבראָכן ווערן לגמרי דורך די עשר מכות שעל הים.

לויט דעם וועט מען אויך פאַרשטיין, וואָס דער תנא איז מקדים די עשרה ניסים שעל הים פאַר די עשר מכות שבמצרים: ווי געזאָגט, האָט פריער געדאַרפט זיין דער ענין פון ניסים, און ערשט דאַן האָבן די מכות געקענט זיין באופן הנרצה. דערפאַר, בכדי אַז די מכות אין מצרים זאָלן זיין אין אַן אופן אַז זיי זאָלן צוברענגען צו די מכות שעל הים, האָבן די ניסים שבמצרים געמוזט אין זיך האָבן די ניסים שעל הים.

ה. די אַלע זאַכן וואָס די משנה רעכנט במספר עשרה, אָנהויבנדיק פון די עשרה מאמרות ביז צו די עשרה ניסים שבבית המקדש, זיינען אַלע ענינים וואָס זיינען פאַרבונדן מיט השתלשלות. ניט נאָר די ניסים שבמצרים און די ניסים שעל הים, נאָר אפילו די ניסים שבבית המקדש (וואָס

7) ראה גם לקו"ש ח"ג ע' 878 ואילך.

8) מכילתא שמות יד, יג.

דער אמיתית הגמר פון יציאת מצרים איז געווען ביי „ירדן ירחו״ [9], כניסה לארץ ישראל, וואָס עיקרה איז דער בית המקדש כנ״ל) זיינען אַלץ ענינים וואָס האָבן אַ שייכות צו השתלשלות [10]). דערנאָך רעכנט ער די „עשרה דברים שנבראו בערב שבת בין השמשות״, וואָס די אַלע צען זאַכן זיינען ענינים שלמעלה מהשתלשלות [11]), וואָס דעריי־בער זיינען זיי באַשאַפן געוואָרן בערב שבת בין השמשות, וואָס דאָס איז דער איבערגאַנג פון השתלשלות אין למעלה מהשתלשלות.

„בין השמשות״ ווערט בכללות אויס־געטייטשט אין דריי אופנים [12]): א) ס׳איז אַ ספק יום ספק לילה; ב) יום און לילה; ג) מציאות בפני עצמו ניט יום און ניט לילה. און דאָס אַליין וואָס ער קען מחבר זיין די צוויי הפכים פון יום ולילה איז אַ ראי׳ אַז ער איז העכער פון בידן, און ער האָט אַ שייכות צו למעלה (מהזמן) מהשתל־שלות. אַזוי איז עס אין דעם „בין השמשות״ פון יעדן טאָג, און בפרט דער בין השמשות פון ערב שבת [13]), — וואָס שבת איז דאָך למעלה מהגבלות הזמן, און דעריבער איז בשבת בראשית ניט געווען קיין לילה

ווי חז״ל זאָגן [14]): „ל״ו שעות שימשה אותה האורה״, ס׳איז ניט געווען די הגבלה פון זמן, וואָס איז פאַנאַנדער־געטיילט אויף יום און לילה (און כאָטש אַז עס איז שוין געווען נאָך חטא עץ הדעת, איז אָבער מצד מעלת השבת, וואָס ער איז העכער פון עניני העולם, האָט עס אָפּגעהאַלטן התחלת פעולת החטא ביז נאָך שבת און ער איז געווען כולו אור) [15]) —

וואָס ער איז מחובר פון ערב שבת מיט שבת, האָט ער דאָך אַודאי אַ שייכות צו למעלה מהשתלשלות, ווייל אין אים איז דער איבערגאַנג פון השתלשלות (ששת ימי החול) צו למע־לה מהשתלשלות (שבת) [16]) — זיינען דאָן באַשאַפן געוואָרן די עשרה דברים וואָס ער רעכנט אויס אין דער משנה, וואָס זיי אַלע זיינען ניט באַגרענעצט אין דער הגדרה פון השתלשלות [17]).

און די „עשרה דברים״ זיינען נאָך העכער פון די „עשרה ניסים״ פון בית המקדש. וואָרום ביי די ניסים פון בית המקדש איז געווען שייך אַז עס זאָל זיין אַנדערש און ס׳איז געווען אַ

9) ראה לקו״ת שלח ג, ג. מסעי פט, ב.

10) כי גם בנסים יש סדר, לפי ששייכים להשתל׳. וגם ביהמ״ק (ונסים שנעשו בו) ענינו שהוא תכלית שלימות הבריאה (דירה בתחתונים), אבל לא למעלה מהבריאה. וראה להלן סעיף יו״ד.

11) ועייג״כ בדרך חיים שם — להמהר״ל — שמבאר זה.

12) הגאון הרגצובי (הובא בס׳ מפענח צפונות ע׳ קעז).

13) ראה פירש״י שבת פו, ב ד״ה וליטבלו. תענית כה, א ד״ה כל היכא. כתובות קג, א ד״ה בי שמשא.

14) ירושלמי ברכות פ״ח, ה״ה. ב״ר פי״א, ב. פי״ב, ו. ספפ״ב. שוח״ט צב, א. ועוד.

15) ועפי״ז יובן מ״ש בכהאריז״ל (ש׳ הגלגולים הקדמה כג ובכ״מ. ומרומז בגמרא (כתובות קג, ב)) שהנקבר בערב שבת אחר חמש שעות ביום אינו רואה חיבוט הקבר כי כו׳ כבר קדושת שבת מאירה אז — כי שבת הוא למעלה מכל ענין החטא ופגם.

16) אבל אינו כשבת ממש, דשבת הוא בחי׳ מחשבה שלמעלה לגמרי מדיבור (שרש הבריאה), וביה״ש הוא בחי׳ הגיון, ממוצע בין מחשבה לדיבור (ראה ד״ה טוב טעם תש״ג סעיפי טו־טז).

17) ומזה יובן מעלת התורה שקדמה לעולם, ומובדלת באין ערוך ממנו (דוגמת שבת) שנעלית גם מבחי׳ ביה״ש, שלכן לא מנה עשה״ד בפרק זה, כמבואר להלן ע׳ 1227.

נס, אז „לא הפילה כו׳ לא הי׳ פסול כו׳״. מה־שאין־כן „בין השמשות״ פון דעם אריינגאנג אין שבת, איז דוגמת „יום שכולו שבת ומנוחה לחיי העול־מים״ [18]), ווען ס׳וועט גאר מלכתחילה ניט זיין שייך דער גאנצער מציאות פון ירעו און ישחיתו, ואדרבה, „וראו כל בשר יחדיו (אויך די בעלי חיים הטמ־אים ומזיקים כו׳) כי פי הוי׳ דיבר״ [19]).

(משיחות ש״פ בהו״ב, תשכ״ג)

ו. די התחלת הפרק — בעשרה מאמרות נברא העולם — איז אויך א טעם וסיבה: דער טעם וסיבה אויף דעם, וואס אלע ענינים פון התחלת הבריאה אז זיינען במספר עשרה, איז עס ווייל „בעשרה מאמרות נברא העולם״: וויבאלד אז די גאנצע וועלט איז באשאפן געווארן מיט צען מאמרות וואס יעדערער פון זיי איז כלול פון אלע [20]) — און אויך שפעטער שטייען זיי שטענדיק אין דער וועלט און בא־שאפן זי נאכאנאנד, און אויב זיי וואלטן זיך פון איר אפגעטראגן אויף איין רגע, וואלט די וועלט צוריק געווארן אין ואפס ממש ווי פאר דער בריאה [21]) — דערפאר איז אויך יעדער ענין פון בריאה האט אין זיך דעם מספר עשרה.

און ווי עס ווערט ערקלערט אין קבלה [22]), אז וויבאלד אז אלץ איז באשאפן געווארן דורך עשרה מאמרות, דערפאר ווערט יעדער זאך איינגעטיילט אין מספר עשרה. לדוגמא: יעדער זאך האט זיך איר אורך, רוחב און עומק (לענג, ברייט און טיף, אדער הויך), וואס יעדערער פון די דריי באשטייט פון דריי, ראש תוך סוף (דער אנהויב, דער מיטן און דער סוף), און צוזאמען מיטן חומר (מאטעריאל), וואס טראגט אויף זיך אט־די ניין פרטים, באקומט זיך דער מספר עשרה.

און אזוי ווי דאס איז בנוגע מקום, אזוי איז אויך בנוגע זמן, אז יעדער תקופה האט אירע „עשרה״, ווי אויס־גערעכנט אין משנה. דערפון איז דאך אבער מובן, אז דער מספר פון עשרה איז פאראן אין אלע תקופות, אויך נאך דעם זמן הבית, און אויך לעתיד לבוא, ווי רז״ל זאגן [23]): „כנור של עולם הבא עשר נימין״ [24]). איז ניט מובן: פארוואס רעכנט דא דער תנא דעם מספר עשרה ביז דעם זמן פון בית המקדש, די תורה איז דאך א נצחית [25]), האט ער געדארפט דערמאנען די עני־נים שבמספר עשרה אויך פון דעם זמן וואס נאך דעם בית המקדש.

אויך איז ניט פארשטאנדיק, פארוואס דער תנא שטעלט אוועק די „עשרה דברים נבראו בערב שבת בין השמ־שות״ נאך די עשרה ניסים שנעשו לאבותינו בבית המקדש, און ניט באלד נאך די עשרה מאמרות, וואו זיי געהערן לויטן סדר הדורות? הגם אז מען האט שוין מבאר געווען [26]) אז זייער קומען צום סוף איז צוליב זייער מעלה — ווייל אלע זאכן שבמספר עשרה, פון די עשרה מאמרות ביז די עשרה ניסים שבבית המקדש, זיינען

---

18) סוף תמיד.

19) ישעי׳ מ, ה.

20) שער היחוד והאמונה פ״י.

21) שם פ״א.

22) ראה פרדס שער ב. ועוד. וראה ג״כ הראב״ע לשמות ג, טו.

23) ערכין יג, ב.

24) וגם יהי׳ אז הגמר, מספר העשירי — של כמה ענינים כמו פרה העשירית (רמב״ם הל׳ פרה ספ״ג), שירה העשירית (ראה רשימות הצ״צ על שה״ש בתחלתן ובהנסמן שם).

25) תניא פי״ז. קו״א ס״ה.

26) לעיל סעיף ה.

פאַרבונדן מיט סדר השתלשלות און די עשרה דברים שנבראו בערב שבת בין השמשות זיינען העכער פון השתל־שלות — פונדעסטוועגן, וויבאַלד אַז אַלע ענינים אין אונזער פרק, זיינען אויסגעשטעלט לויטן סדר הדורות, לייגט זיך בשכל צו זאָגן, אַז אויך די משנה איז ניט יוצא מן הסדר און אין די עשרה דברים שנבראו בערב שבת בין השמשות, איז דער תנא מרמז אויך די ענינים שבמספר עשרה פון נאָכן זמן הבית, און דערפאַר רעכנט ער זיי נאָך די עשרה ניסים שבבית המקדש.

דערמיט ווערט אויך פאַרענטפערט די פריערדיקע שאלה, פאַרוואָס דער־מאָנט ניט דער תנא דעם מספר עשרה וואָס נאָכן זמן הבית — ווייל זיי ווערן מרומז אין די עשרה דברים שבערב שבת בין השמשות.

ז. על דרך ווי די בריאה איז איינ־געשטעלט במספר עשרה צוליב די עש־רה מאמרות, אַזוי איז זי אויך איינ־געשטעלט במספר ששה — צוליב די ששת ימי בראשית, וואָס „כל יומא ויומא עביד עבידתי׳״ [27] (יעדער טאָג (ספירה) טוט זיין אַרבעט אין דער בריאה), און דעריבער איז אין יעדער זאַך פאַראַן דער מספר ששה: סיי אין מקום — יעדער באַשאַפענע מציאות האָט ששה קצוות (זעקס זייטן), און סיי אין זמן — זעקס טעג פון דער וואָך, זעקס יאָר פון דער שמיטה, זעקס טויזנט יאָר פון קיום העולם (נאָר די אַלע פון דעם מספר ששה האָבן אַ מספר שביעי, וואָס איז העכער פון זיי, וואוהין זיי ווערן נתעלה: שבת, שמיטה, אלף השביעי — בדוגמת שבת בראשית, וואָס אויך ער איז שייך צו דער בריאה, נאָר אין אַ סך אַ העכערן אופן — די „מנוחה״ וואָס אין ברי־אה) [28].

דערפון איז מובן, אַז דער סדר ההנהגה אין די שית אלפי שנין איז ענלעך צום סדר ההנהגה אין ששת ימי בראשית [29]: שלימות גמר הבריאה איז געווען ביום הששי, ווי עס שטייט [30] ביים יום הששי: „וירא אלקים את כל אשר עשה והנה טוב מאד״. ביז דאַן איז נאָך ניט געווען „טוב מאד״, ווייל די בריאה איז נאָך ניט געווען בשלימות: איידער דער אדם איז באַשאַפן געוואָרן ביום הששי האָט געפעלט שלימות אויך אין די נבראים וואָס זיינען באַשאַפן געוואָרן פריער, און ערשט ביום הששי, מיט באַשאַפן דעם אדם, איז אַריינגעבראַכט געוואָרן אַ שלימות אויך אין די פריער־דיקע נבראים [31].

און ביום הששי גופא, איז די בריאה פאַרענדיקט געוואָרן ערשט בין השמ־שות — וואָס מזה מובן, אַז ערשט בין השמשות איז געקומען די שלימות הבריאה — אַז זי איז פאַרפולקאָמט געוואָרן ערשט דורך די עשרה דברים,

---

27) ראה זח"ג צד, ב. שו"ת הרשב"א סתכ"ג.

28) כמרז"ל (רש"י מגילה ט, א ד"ה ויכל. רש"י בראשית ב, ב. תוד"ה חצבה סנהדרין לח, א) מה הי׳ העולם חסר מנוחה באתה שבת באתה מנוחה.

29) ראה רמב"ן ובחיי לבראשית ב, ג. סד"ה וכל העם ש"ת.

30) בראשית א, לא.

31) ראה סידור סדר סעודות שבת בפירוש וירא גו׳ את כל אשר עשה והנה טוב מאה, כי המשכת התענוג באה רק כשנשלמה כל הבריאה, וקודם גמר ההתהוות, לא הי׳ תענוג, גם בהדברים שנבראו כבר. — ויל״ל שזהו גם אחד הטעמים מה שיום הששי לבריאה נק׳ בשם תחלת מעשיך, כי חשיבות ושלימות הבריאה (גם של נבראים הקודמים) הוא בגמר הבריאה דוקא.

וואָס זיינען באַשאַפן געוואָרן „ערב שבת בין השמשות". און דעריבער איז דער „בין השמשות" פון ערב שבת דער איבערגאַנג און הכנה צו שבת: נאָך דער שלימות המלאכה אין דער בריאה, קען קומען די שלימות פון מנוחה אין בריאה.

און אַזוי איז עס אויך בנוגע די שית אלפי שנין, אַז זייער תכלית, די עלי' אין „יום שכולו שבת", אין אלף השביעי, ווערט אויפגעטאָן באלף הששי בכלל, ובעיקר אין „בין השמשות", דור היותר אחרון, דור פון עקבתא דמשיחא. און הגם אַז דער דור איז דער נידע־ריקסטער, עקבתא דעקבתא, האָט ער אָבער אין זיך די מעלה, אַז דוקא אין דעם דור פירט זיך אויס די כוונה פון דער גאַנצער עבודה פון אַלע פריער־דיקע דורות[32], ווייל דוקא אין אונזער דור דסוף הגלות — וועט אויסגעפירט ווערן דער תכלית פון דירה בתחתונים, בגאולה העתידה און — בקרוב. מזה מובן די גרויסע חביבות, דער גרויסער זכות און די גרויסע אחריות פון דעם דור, וויבאַלד אַז אין זיין עבודה איז אָפּהענגיק אויך דער תכלית השלימות פון דער עבודה פון אַלע דורות הקוד־מים. עס זיינען טאַקע געבליבן צו מברר זיין נאָר די „פכים קטנים", עבודה מועטת, אָבער אין אָט־דער עבודה איז תלוי די שלימות פון דער גאַנצער פריערדיקער עבודה.

ח. און דערפאַר שטעלט דער תנא די „עשרה דברים נבראו בערב שבת בין השמשות" באַלד נאָך די „עשרה ניסים נעשו לאבותינו בבית המקדש", ווייל אַזוי איז עס אויך לויטן סדר הדורות: גלייך אין דער רגע פון חורבן בית המקדש „נולד מושיען של ישראל"[33] — פון דעמאָלט אָן, האָט זיך אָנגעהויבן דער סדר העבודה צו ברענגען משיח'ן, דער ערב שבת בין השמשות פון די שית אַלפי שנין — וואָס אויך די עבודה איז אין מספר עשרה („עשרה דברים" פון „בין השמשות"), ווי גערעדט פריער — וואָס דאָס וועט ברענגען אויך דעם מספר עשרה „כינור של עשרה נימין" וכו', בגאולה האמיתית והשלימה, בקרוב ממש.

(משיחת ש"פ חקת, תשכ"ג)

ט. אין פינפטן פרק פון אבות רעכנט אויס די משנה כמה ענינים וואָס זיינען אין דעם מספר עשרה.

---

32) וכדוגמת הרגלים שהם דוקא מעמידים את הגוף והראש (לקו"ת ר"פ נצבים).

ועד"ז, הוא גם בכל תקופה ותקופה, שיש יתרון בתקופה המאוחרת על שלפני' (אף שבכללות, דור המאוחר בזמן, מאוחר הוא גם במעלה ומדריגה), וכן בכללות ההשתלשלות, יש יתרון בהתחתון על העליון ממנו, וכמשל השלשלת (השתלשלות מלשון שלשלת) העשוי' מריבוי טבעות שראשה של טבעת התחתונה הוא למעלה מסופה של טבעת העליונה ממנה. ועד"ז בסדר הדורות, התחלת דור השני הוא לפני (בזמן, המורה גם על המעלה) סיום דור שלפניו, כמאמר רז"ל (יומא לח, ב): עד שלא כבתה שמשו של עלי זרחה שמשו של שמואל.

ודבר זה, נרמז גם בסדר הענינים שבמספר עשרה שבאבות: תחילת ענין השני שבמספר עשרה — אדם הראשון — כלול בעשרה מאמרות (כי מאמר האחרון הוא בנוגע לאדה"ר. ראה לעיל סעיף א ובהנסמן שם): תחילת ענין השלישי — נח — הוא סיומו של ענין השני, וכו'. וכן הוא גם בנוגע מדבר וביהמ"ק, אשר הענינים דביהמ"ק — ארון וקרבנות — הותחלו (והיו כלולים) במדבר.

33) איכ"ר פ"א, נא. — וגם בזה, ענין הגאולה העתידה כלולה בזמן שביהמ"ק הי' קיים, כי מכיון שברגע החורבן נולד מושיען של ישראל, הרי מוכרח שהי' תחילה בעיבור ונגמרו (אפילו) שעריו כו'.

דאַרף מען פאַרשטיין, פאַרוואָס דער־מאָנט ניט די משנה די עשרת הדברות. ולכאורה, וויבאַלד אַז אַלע זאַכן נעמען זיך פון תורה — דאָס וואָס אין עולם איז דער מספר עשרה[34], ולכל לראש — וואָס בעשרה מאמרות נברא העולם נעמט זיך עס פון די עשרת הדברות (כידוע מרז"ל על הפסוק[35] „עשרה עשרה הכף בשקל הקודש", אַז די עשרה מאמרות זיינען מכוון און זיי נעמען זיך פון די עשרת הדברות) — האָט מען דאָך צום אַלעם ערשטן געדאַרפט רעכענען די עשרת הדברות, וואָס פון זיי נעמען זיך די אַנדערע ענינים וועלכע זיינען עשרה און ווערן אויסגערעכנט אין דעם פרק?

דער ביאור אין דעם: די עשרת הדברות, כאָטש אַז אַלץ נעמט זיך פון זיי, זיינען זיי אָבער אינגאַנצן מובדל באין־ערוך פון עולם. אַלע ענינים קומען טאַקע פון תורה, די תורה איז אָבער ניט אין דעם זעלבן גדר און סוג מיט זיי. און דעריבער רעכנט ניט די משנה די עשרת הדברות, ווייל מען קען זיי ניט צונויפנעמען און רעכענען צוזאַמען מיט די אַלע אַנדערע ענינים וועלכע די משנה רעכנט דאָרטן.

י. צווישן די זאַכן וועלכע ווערן אויסגערעכנט אין מספר פון עשרה, זיינען דאָ ניט נאָר ענינים פון טבע, נאָר אויך ניסים, ביז אויך די ניסים וואָס זיינען געווען אין בית המקדש, דעם אָרט אין וועלט וואו ס'איז געווען דער ושכנתי פון עצמות, נמנע הנמ־נעות, וואָס דעריבער איז אין די ניסים פון בית המקדש געווען דער חיבור פון נס מיט טבע צוזאַמען[36].

פונדעסטוועגן, ווערן די עשרת הדב־רות ניט גערעכנט אין דער משנה, ווייל די עשרת הדברות זיינען מובדל אפילו פון די עשרה ניסים וואָס אין בית המקדש: בית המקדש איז דער תכלית השלימות פון וועלט. דער תכלית בריאת העולם איז עס זאָל זיין דירה לו יתברך בתחתונים, און דער תכלית אין וועלט ווערט אויסגעפירט דורכן בית המקדש. מה־שאין־כן די תורה איז „קדמה לעולם"[37], זי איז לגמרי העכער פון עולם, אפילו פון בית המקדש[38], און ווי שוין אַמאָל גערעדט, אַז וויבאַלד די תורה איז חד מיט הקב"ה, איז פונקט ווי ביי קודשא בריך הוא איז ניט שייך צו זאָגן אַז זיין תכלית איז צוליב עמעצן אַנדערש ח"ו, נאָר דער תכלית איז אין אים אַליין, אַזוי איז עס אויך ביי תורה[39].

יא. אַלע ענינים פון תורה (מלשון הוראה) זיינען אַ הוראה בעבודתינו. און כשם ווי מען דאַרף אַרויסנעמען אַ הוראה פון די ענינים וועלכע שטייען אין תורה, אַזוי דאַרף מען אויך אַרויס־נעמען אַ הוראה פון דעם וואָס די תורה האָט ניט אַריינגעשטעלט אַן ענין.

דאָס וואָס דער תנא דערמאָנט ניט אין דעם פרק די עשרת הדברות — האָט אין זיך אַ הוראה: לימוד התורה דאַרף זיין „לשמה" — לשם התורה, צוליב תורה אַליין, ניט צוליב אַנדערע תכליתים.

און אָט דער אופן פון לימוד התורה „לשמה" — דריקט זיך אויס אין דעם, וואָס זיין לערנען איז ניט באַגרענעצט אין קיינע הגבלות: בשעת דער לימוד

34) ראה פרדס ש"ב בתחלתו.
35) במדבר ז, פו. זח"ג יא, ב.
36) ראה לקו"ש ח"ג ע' 904 ואילך ובהמצויין שם.
37) פסחים נד, ב. נדרים לט, ב.
38) ראה ג"כ תניא קו"א ד"ה דוד זמירות. לקו"ת במדבר יח, א.
39) ראה לעיל ע' 816 ובהמצויין שם.

איז צוליב אַ תכלית, אַ גשמיות'דיקן אָדער אַפילו אַ רוחניות'דיקן, איז ווי־באַלד אַז אַלע ענינים זיינען בהגבלה, איז אויך זיין לימוד אַ מוגבל'דיקער. בשעת אָבער ער לערנט לשם פון תורה וואָס זי איז בלי גבול — לערנט ער אָן קיינע הגבלות. און ווי שוין גערעדט אַמאָל, אַז די הגבלות אין לימוד התורה וועלכע זיינען דאָ על־פי שלחן ערוך זיינען נאָר בנוגע מצות תלמוד תורה, אָבער תורה אַליין איז אָן הגבלות פון זמן אָדער מקום [40]). — ביז אַז ואהי' אצלו (אצלו דוקא) שעשועים [38]).

(משיחת ש"פ בחוקותי, תשי"ס)

# פרק ששי

א. אין זעקסטן פרק פון אבות שטייט: „אמר רבי יהושע בן לוי בכל יום ויום בת קול יוצאת מהר חורב ומכרזת ואומרת אוי להם לבריות מעלבונה של תורה, שכל מי שאינו עוסק בתורה נקרא נזוף (רבי יהושע בן לוי זאָגט: טאָג־טעגליך גייט אַרויס אַ בת קול פון באַרג חורב און רופט אויס און זאָגט, ווי איז צו די בריות פאַר דער פאַר־שעמונג פון דער תורה, ווייל יעדערער וואָס איז זיך ניט עוסק אין תורה ווערט אָנגערופן נזוף — אַנגעשריגע־נער, אָפגעזונדערטער), שנאמר נזם זהב באף חזיר אשה יפה וסרת טעם. ואומר והלוחות מעשה אלקים המה והמכתב מכתב אלקים הוא חרות על הלוחות, אל תקרא חרות אלא חירות, שאין לך בן חורין אלא מי שעוסק בתלמוד תורה, וכל מי שעוסק בתלמוד תורה הרי זה מתעלה (ווייל עס קען ניט זיין קיין בן חורין נאָר דער וואָס איז עוסק אין ת"ת, און יעדער וואָס איז עוסק אין תלמוד תורה ווערט ער דערהויבן), שנאמר וממתנה נחליאל ומנחליאל במות".

אין פשטות, איז די משנה, פון אָנהויב ביזן סוף, ניט פאַרשטאַנדיק:

א) דער לשון „מהר חורב"? דער באַרג האָט דאָך פינף נעמען [1]), איז רעדענדיק וועגן תורה, וואָס ווערט בעצייכענט „קיבל תורה מסיני" — האָט ער דעם באַרג געדאַרפט אָנרופן מיטן נאָמען „הר סיני", ובפרט אַז דאָס איז דער שם הרגיל פון דעם באַרג. אָדער ער האָט געדאַרפט זאָגן „הר האלקים", בכדי צו אָנדייטן אויף דער שווערקייט פון דעם עלבון „על־בונה של תורה", ווייל תורה קומט פון הר האלקים.

ב) וואָס מיינט „עלבונה של תורה"? לכאורה, אויב איינער איז ניט עוסק אין תורה (אין דער צייט וואָס ער קען יאָ לערנען) האָט ער דאָך ניט דאַמאָלס תורה אויף מעליב זיין איר; עס וויזט אויף זיין אייגענער נידעריקייט, אַז ער האָט ניט גענוג דעת צו אָפשאַצן די מעלה פון תורה. דאָס איז ניט קיין עלבון פאַר דער תורה, נאָר פאַר דעם מענטשן וואָס לערנט איר ניט. וואָס מיינט „עלבונה של תורה"?

ג) דער דיוק הלשון „עוסק בתורה"?

---

40) ראה ליקוטי שיחות ח"ב ע' 304.

1) שמו"ר פ"ב, ד.